# אוצר השבת

ארויסגעגומען פון
ספר אוצר השבת
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

## פרשת וארא

## ליל שבת

### יעדע וואָך קומען אַנדערע מַלְאָכִים

**כ"ק** מָרָן אַדְמוֹ"ר הגה"ק מסאטמאר זי"ע האָט אמאל שַׁבָּת חוֹל הַמּוֹעֵד סֻכּוֹת געזאגט: וואס מיינט איר יעדע שַׁבָּת קומען צוריק די זעלבע מַלְאָכִים, נאר לויט ווי אזוי דער מענטש האָט זיך אויף געפירט די פארגאנגענע וואָך, אזעלעכע מַלְאָכִים שטעלט מען אים צו. דעריבער האָט עֶר געזאָגט אז שַׁבָּת סֻכּוֹת זאל מען קוֹדֶם איינלאדענען די אוּשְׁפִּיזִין און זאגן תִּיבוּ תִּיבוּ אוּשְׁפִּיזִין עִלָּאִין איידער מען באגריסט די מַלְאָכִים ווי מען זאגט שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת וויבאלד נישט די זעלבע מַלְאָכִים קוּמֶען יעדע וואָך איז נישט שייך צו זאגן דעם כְּלַל פון תָּדִיר וְשֶׁאֵינוֹ תָּדִיר, תָּדִיר קוֹדֵם.

**אויך** האָט עֶר מוֹסִיף געווען נָאךְ א טַעַם דערויף, אז וויבאלד מִיר פַּסְקִ'ענען [סנהדרין צ"ג] אז צַדִּיקִים זענען גרעסער פון מַלְאָכִים, דעריבער זאל מען קוֹדֶם איינלאדענען די אוּשְׁפִּיזִין די צַדִּיקִים אין די סוכה איידער מען לאדענט אֵיין די מַלְאָכִים.

**מושיען של ישראל ח"ה פמ"ח**

### מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת - מַלְאֲכֵי הַשָּׁלוֹם - מַלְאֲכֵי עֶלְיוֹן

**מַלְאֲכֵי** הַשָּׁרֵת זענען די מַלְאָכִים וואס באדינען הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיט לידער און געזאנג, מַלְאֲכֵי הַשָּׁלוֹם זענען מַלְאָכִים פון פרידן וואס זענען געשטעלט אויף לעבן און שָׁלוֹם און שפייז און רְפוּאוֹת א.ד.ג. מַלְאֲכֵי עֶלְיוֹן זענען מַלְאָכִים פון אויבערשטן וואס זענען אין די העכערע הימלן.

**משמרת שלום סי' כ"ז ס"ח**

### מַלְאֲכֵי הַשָּׁלוֹם

**הָרַב** הַקָּדוֹשׁ רַבִּי שָׁלוֹם מִבֶּעלְזָא זי"ע ערקלערט דאס עִנְיָן וואס מִיר זאגן דעם נוּסַח בַּיי די זְמִירוֹת פון שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם, ווי מִיר הייבן אָן בַּיי דעם ערשטן חָרוּז, דערמאנען מִיר אז די מַלְאָכִים זענען מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת, און בַּיים צווייטן חָרוּז דערמאנען מִיר אז די מַלְאָכִים זענען מַלְאֲכֵי הַשָּׁלוֹם און נישט קֵיין מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת. ווייל בִּשְׁעַת ווען די צְוֵויי מַלְאָכִים קוּמֶען אראפ פון הִימֶל צו אונזערע נידריגע וועלט, דערקענט זיך זייער גְרוֹיסֶע הִימֶל'ישע מַעֲלוֹת און זיי הָאבְּן בִּכְלָל נישט קֵיין שַׁייכוּת מִיט די מענטשן פון דער וועלט, דעריבער רופט מען זיי מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת מַלְאָכִים וואס באדינען הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

**אבער** נאכדעם וואס די מַלְאָכִים קוּמֶען אֲרֵיין אין די אִידִישֶׁע הייזער, ווִי זיי זעען די גְרוֹיסֶע און שווערע הֲכָנוֹת וואס אִידִישֶׁע קינדער הָאבְּן אנגעגרייט לְכָבוֹד שַׁבָּת, די ליכט ברענען, דער שַׁבָּת טִישׁ איז אנגעגרייט, עס שְׁפִּירְט זיך א שַׁבָּת'דיגע קְדוּשָׁה אין הוֹיז. דעמאלס פארשטייען די מַלְאָכִים דעם גרויסן נַחַת רוּחַ וואס אידן זענען גוֹרֵם פאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, זענען זיי דעמאלס מוֹדֶה אז די אִידִישֶׁע קינדער זענען אזוי חָשׁוּב פונקט ווִי די מַלְאָכִים וואס באדינען הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, און דער אִיד איז פונקט ווִי זֵיי, מאַכן זיי באלד שָׁלוֹם מִיט די מענטשן פון דער וועלט, אין זיי ווערן בָּטֵל צו אידן, דערפאר רופן זיי זיך פון יעצט נאר מַלְאֲכֵי הַשָּׁלוֹם, ווייל זיי מאַכן שָׁלוֹם מִיט אִידִישֶׁע קינדער, און זיי אנערקענען אז די הייליגע ארבעט און אנגרייטן לְכָבוֹד שַׁבָּת איז העכער ווִי זייערע שִׁירָה ווִי זיי לוֹיבֶן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

**ויחי ראובן עמ"ס חגיגה**

### פארוואס קוּמֶען מַלְאָכִים

**די** מַלְאָכִים קוּמֶען אונז היטן פון עֲבֵירוֹת.

**שפת אמת, כליל תפארת**

**נָאךְ** א טַעַם שטייט אז וויבאלד די יְוָנִים הָאבְּן מְפַרְסֵם געווען דעם ליגענט אז אזוי ווי שַׁבָּת איז שׁוֹלֵט א שלעכטער מַזָּל שַׁבְּתַאי דעריבער דארף מען מוֹרָא הָאבְּן פון דעם שלעכטן מַזָּל, און מען זאל פאסטן אוּם שַׁבָּת, דעריבער כְּדֵי מען זאל

וויסן אז אִידִישֶׁע קינדער זענען נישט אינטער קֵיין שׁוּם מַזָּל, און מִיר הָאבֶן נישט קֵיין מוֹרָא פון די מַזִּיקִין, שיקט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מַלְאָכִים כְּדֵי אונז צוּ היטן פון דעם שלעכטן מַזָּל. **סידור רשב"ן, אות ק"ח**

**שטייט** אין תִּיקּוּנֵי זוֹהַר [תכ"ד סף ס"ט:] אז צוליב די גרויסקייט פון די נְשָׁמָה יְתֵירָה וואס קומט אראפ אויף דער וועלט, פעלט אויס אז צוויי הִימֶל'ישע מַלְאָכִים פון די העכערע הימלן זאלן איר אראפ באגלייטן כְּדֵי זיי זאלן איר איבער-געבן פאר די אנדערע צוויי מַלְאָכִים וועלכע זענען דָא אונטן אויף דער וועלט, און זיי זאלן דאס דערנאך אִיבֶּער געבן פאר דעם מענטש.

**שם משמואל פ' תבא שנת תרע"ב ד"ה יש ליתן**

**נָאךְ** א טַעַם שטייט אז דערפאר קוּמֶען די מַלְאָכִים, כְּדֵי אריין צוברענגען אין אונז דעם הויכן קְדוּשַּׁת הַשַּׁבָּת. **אבני נזר בספר זכרון שלמה ע' מ"ב**

**נָאךְ** א טַעַם שטייט וויבאלד דער מענטש איז א גאנצע וואך באשעפטיגט אין זיין ארבעט, דעריבער איז זייער שווער פאר דעם גוּף אריין צוּ קוּמֶען אין דעם רוּחָנִיוּת פון קְדוּשַּׁת הַשַּׁבָּת, דעריבער קוּמֶען קוֹדֶם מַלְאָכִים פון הִימֶל צו דערהייבן זיין גוּף כדי צו מאַכן שָׁלוֹם צווישן דעם גוּף מִיט דעם נֶפֶשׁ אז דער מענטש זאל קענען דערהייבן דעם קְדוּשַּׁת הַשַּׁבָּת. **שם וירא עמ' ק"פ**

**נָאךְ** א טַעַם שטייט וויבאלד עס שטייט אין מִדְרַשׁ [בראשית רבה פי"א ח'] אז שַׁבָּת איז די פְּאֶר פון די אִידִישֶׁע קינדער, פונקט אזוי ווי ווען מען איז מְקַדֵּשׁ א ווייב זאגט די גְּמָרָא [קידושין מ"א] אז עס איז א מִצְוָה מען זאל אליינס מְקַדֵּשׁ זיין נישט דורך א שָׁלִיחַ, אזוי אויך דארף זיך יעדער אליינס אנגרייטן צוּ מְקַבֵּל זיין דעם שַׁבָּת, דעריבער ווען מען זאגט וַיְכֻלּוּ וואס איז קַבָּלַת שַׁבָּת ווערט מען דעמאלס אין א בְּחִינָה פון א חָתָן וואס מען איז אִים מוֹחֵל זיינע עֲבֵירוֹת, דערפאר קוּמֶען דעמאלס צוויי מַלְאָכִים וואס זענען גלייך ווי די צוויי עֵדֵי קִדּוּשִׁין, און זיי זאגן אִים וְסָר עֲווֹנֶךָ וְחַטָּאתְךָ תְּכֻפָּר ווייל פאר א חָתָן אין דעם טאָג פון זיין חֲתוּנָּה איז מען מוֹחֵל אויף אַלֶע זיינע עֲבֵירוֹת. **דברים אחדים ח"ב דרוש כ"ג**

**נָאךְ** א טַעַם שטייט, ווייל אוּם שַׁבָּת ווערט אַן עפענטליכע אנטפלעקונג פון די שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה, אזא סארט הויכע מַדְרֵיגָה פון הִתְגַּלּוּת הַשְּׁכִינָה וואס איז גלייך צוּ די מַעֲשֵׂה מֶרְכָּבָה. און די גְּמָרָא זאגט [חגיגה י"ד:] אז ווען מען דְּרַשׁ'נט אין די מַעֲשֵׂה מֶרְכָּבָה פארזאמלען זיך די מַלְאָכִים דאס צוּ הערן, דעריבער קוּמֶען די מַלְאָכִים אוּם שַׁבָּת.

**פרי צדיק פ' נח סוף אות ז'**

## ווילאנג בלייבן די מַלְאָכִים

**לויט** די מְפָרְשִׁים וועלכע מִיר הָאבֶן פריער דערמאנט, אז די מַלְאָכִים זענען וואס דער מענטש האָט באשאפן א גאנצע וואָך דורך זיינע מִצְוֹת, אדער אז די מַלְאָכִים קוּמֶען נאר צוּ העלפן די נְשָׁמָה יְתֵירָה אָרָאפּ קוּמֶען אויף דער וועלט, אדער אז די מַלְאָכִים קוּמֶען מַמְשִׁיךְ זיין דעם קְדוּשַּׁת הַשַּׁבָּת, אדער אז די מַלְאָכִים קוּמֶען צוּ דערהייבן דעם גוּף, כְּדֵי עס זאל קענען דערהייבן דעם קְדוּשַּׁת הַשַּׁבָּת, אדער אז די מַלְאָכִים זענען ווִי עֵדֵי קִדּוּשִׁין, וועט אויסקומען אז די מַלְאָכִים גייען שוין צוריק אין הִימֶל תֵּיכֶף נאכדעם וואס זיי הָאבֶן אִים געבענטשט.

**אבער** אין סֵפֶר חֶסֶד לְאַבְרָהָם שטייט אז די מַלְאָכִים ווארטן דָא ביז מוֹצָאֵי שַׁבָּת, כְּדֵי צוּ באגלייטן די נְשָׁמָה יְתֵירָה צוריק אין הִימֶל.

**חסד לאברהם אזולאי, מעין ב' נהר מ"ט**

**אויך** לויט דעם מַהַרְשָׁ"א אז די צוויי מַלְאָכִים זענען שַׁבָּת'דיגע מַלְאָכִים וואס זאגן עֵדוּת אויב מען היט דעם שַׁבָּת קומט אויך אויס אז זיי ווארטן ביז מוֹצָאֵי שַׁבָּת כְּדֵי צוּ זעהן אויב מען היט דעם גאנצן שַׁבָּת.

**דער** מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל [או"ח סי' רס"ב סק"א] ברענגט אין נאמען פון מהרי"ו אז די מַלְאָכִים בלייבן דָא ביז מוֹצָאֵי שַׁבָּת. **מחצית השקל שם, ועי' מחזיק ברכה להחיד"א סי' רס"ב ס"ב**

**אבער** טייל אַחֲרוֹנִים זאגן אז די צוויי מַלְאָכִים וואס באגלייטן אהיים בלייבן נישט דָא גאנץ שַׁבָּת, נאר באלד נאכן באגלייטן גייען זיי צוריק אין הִימֶל, און אַנְדֶערֶע מַלְאָכִים קוּמֶען אין שְׁטוּבּ און פאר זיי זאגן מִיר שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם, דעריבער זאגן מִיר תֵּיכֶף נָאךְ שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם דעם פָּסוּק [תהלים צ"א י"א] כִּי מַלְאָכָיו יְצַוֶּה לָּךְ לִשְׁמָרְךָ בְּכָל דְּרָכֶיךָ צוּ ווייזן אז אויסער די מַלְאָכִים וואס הָאבֶן אהיים באגלייט הָאבֶן מִיר יעצט נָאךְ אַנְדֶערֶע מַלְאָכִים אונז צו היטן גאנץ שַׁבָּת. **ליקוטי מהרי"ח**

**אנדערע** אַחֲרוֹנִים זאגן אז פונקט ווי יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט געהאט צוויי מַחֲנוֹת מִיט מַלְאָכִים, אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל'דיגע מַלְאָכִים און חוּץ לָאָרֶץ'דיגע מַלְאָכִים, אזוי אויך איז דָא וואכענדיגע מַלְאָכִים און שַׁבָּת'דיגע מַלְאָכִים. דעריבער זאגן מִיר שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם פאר די שַׁבָּת'דיגע מַלְאָכִים וואס בלייבן אִיבֶּער אויף גאנץ שַׁבָּת, און צֵאתְכֶם לְשָׁלוֹם פאר די וואכענדיגע מַלְאָכִים, וואס בלייבן נישט דָא אויף שַׁבָּת. **נאות הדשא ח"א עמ' ל"ב בשם אבני נזר**